Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# A ṭoyṭ di ḳanibaln!

Markiš, Perec D.
מאַרקיש, פּערעץ

Moskve, 1941

א פאטרול איבער מאָסקווע

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-7280

Visual Library

# א פּאַטרול
# איבער מאָסקווע

1

ווען מיט דעמער פּילט אָן זיך די לופט,
ווען עס גייט זיך די נאַכט א צעגאָס טאָן, —
הייבט אין הימל אַפ פליגל זיך אופ
אין דער הייך א פּאַטרול איבער מאָסקווע.

ער גייט דורך אין א גרויזאַמען מאַרש,
שנײַדט די וואָלקנס אַדורך מיט געדרוישן, —
און מיט ליבע פאַרטײַעט אין האַרץ
אים באַגלייט די פּאַרטונקלטע הויפּטשטאָט.

ס'גייט פון פענצטער ניט נאָך אים קיין שײַן,
ס'קוקט אראָפּגעלאָזט יעדער לאַמטערן.
אין דער הייך דער פּאַטרול קוקט זיך אײַן
בא דער ליכט פון באַגעגנטע שטערן.

אַפ די פליגל — דער צאָרן פון לאַנד,
און אין האַרצן — פון פײַער א שטורעם;
ס'זאָל דעם סוינעס פאַרבלוטיקטע האַנט
צו דער הויפּטשטאָט ניט טאָן זיך קיין צוריר.

יעדער גאַס איז געגאַרטלט מיט רום,
יעדער פּלאַץ איז אַפ שלאַכטן פאַרמאָסטן;

ס'גייט אינ הימל אפ פליגל ארומ
א פאטרול אינ דער הייכ איבער מאָסקווע.

דעמ באנאכטיקנ שפארבער ער שפירט
אונ דעמ פאָכ פונ כאָרכל אונ כריפענ;
אויסגעלאָשנ פונ פענצטער דאָס ליכט
שטייענ מויערס, פארשלאָסנ די ליפנ.

נאָר ס'איז גרייט יעדער שטיינ צומ פארהער,
אונ ס'איז גרייט יעדער ציגל צו מעלדנ, —
אז ניט צוטריטלעכ איז אָט די ערד,
אָט די לופט, אָט די שטעט, אָט די פעלדער

פאר די בלוטיקע ציינ פונעמ פײַנט,
פאר דער שארפ פונ די כײַישע נעגל;
ס'גייט געמאָסטנ קיינ מאָסקווע ארײַנ
דער אומשטערבלעכער רומ פונ געשלעגנ.

ס'קוקט די שטאָט ווי א צייכנונג פונ טוש
אינעמ הייב פונ פארנאכטיקנ דעמער;
אונ עס הערנ די ווײַטנ פארכושט,
ווי ס'דערציילנ די טורעמס פונ קרעמל,

אז אמ דוירעס געבויט איז די שטאָט,
אז איר פרײַהײַט ז'פאר פעלקער געשאפנ;
ניט פארומווירדנ וועט זי קיינ טראָט,
אונ ס'וועט קיינער זי קיינמאָל פארשקלאפנ!

ביז די לענדנ באלאָדנ מיט זאמד,
אפ די אקסל — פראָזשעקטאָרס, ווי שווערדנ;

אונ ס'איז שטיל. עס האָט קיינער פארזאמט
צו דעמ פרווו, וואָס באנאכט איז באשערט איר.

ווענ מיט דעמער פילט אָנ זיכ די לופט,
ווענ עס גייט זיכ די נאכט א צעגאָס טאָנ,
הייבט אפ פליגל דער קרעמל זיכ אופ,
ווי א טרייַער פאטרול איבער מאָסקווע!

2

## א לופטיקער אליארמ

דער הימל — אויסגעפוצט צו א באנאכטיקנ פאראד
ווי אפ אנ איבערופ זייַנענ ארויסגעגאנגענ די שטערנ;
סירענעס אויסגעוואָיעט האָבנ זיכ ביז מאט!
אונ ס'האָט דער רוימ פארשלונגענ זיי, ווי א געטראנק א שווערנ.

א ווייַלע — פייַערלעכע שטילקייַט פונ באנאכט.
דערווארטונג רודערט אופ דער רוימ אליינ נאָר;
זיכ דורכגעריסנ האָט די לופטיקע געפאר —
זי ז'ערגעצ דאָ, נאָר ס'זעט זי נאָכ ניט קיינער.

ווי זאנגענ ריזיקע — געיאָגט פונ ווינט —
וועקנ פראָזשעקטאָרס אופ, אָנ ראש, דעמ מילכוועג;
זיי רוימענ עפעס איינס דעמ צווייטנ אייַנ געשווינד,
אונ ס'קלינגט אָפ ווייַט פארטויבנדיק אונ הילכיק.

זיי רעדנ איינס צומ צווייטנ אפנ ווונק,
ווי ס'רעדנ טויב-שטומע מיט פיבערדיקע פינגער —
פונ יעדנ ריר — א קלאנג, פונ יעדנ קלאנג — א פונק,
אונ דאָס געשפרעכ — מיט אזא שווינדלדיקער פלינקייַט!

אָט גייט אינ הימל שוינ א בליציקער גייעג
פונ רעגנבויגנס אויסגעשלייַפט פאר רייַטער-אירע —
אונ ס׳דאכט זיכ, אז א ריזנ-פאווע האָט צעשפרייט דעמ עק
אונ האָט פארפלייצט דעמ הימל מיט די פעדערנ מיט אירע.

א ברענענדיקער בלענדיקער באריער
פונ הוילע שווערדנ אינדערהויכ פארמאָסטנ —
ער אָטעמט שוינ מיט פאָספאָר קרעכצנדיק אונ שווער
דער שפארבער — איבער מאָסקווע.

אפ שנורנ גאָלדענע מע ווארפט א קויל אימ נאָכ א קויל,
זיי וויקלענ אימ ארומ, דעמ האלדז בא אימ פארשלייפנ —
אונ ס׳גיט א לאָז זיכ פונ זייַנ פינצטער מויל
ווי א געשריי — א ברעכנדיקע סרייפע.

נאָר ס׳לאָזנ די פראָזשעקטאָרס אימ ניט אָפ,
זיי טייַטלענ גראד, ניט מייַדנ זאָל דאָס הייסע בלייַ אימ;
ער דארפ נאָכ דורכמאכנ דעמ וועג אראָפ
מיט א צעשפארטנ פאראשוט פונ וואַרגנדיקנ פייַער.

עס קרייצט דאָס ליכט זיכ הויכ, ווי שווערד מיט שווערד,
אונ אפ די שארפנ, שנייַדיק, אימ צומ גרונט זיי פירנ —
מיט לעצטנ כאָרכל פאלט ער צו דער ערד,
ווי אזא שווארצע אָפגעפרעגלטע פעגירע.

די נאכט איז שטיל. זי גייט צו ענד.
פארנ באגינ דער מילכוועג איז שוינ אָפנ;
איינ שטערנדל — א העלס — נאָכ ברענט,
אונ איינס — דעמ וועג איז דורכגעלאָפנ.

3

# אין באנאכטיקער וואכ

ס׳איז האלבע נאכט. פונ פעלד א ווינטעלע קומט אָנ.
אינ הימל וואָרפט זיכ בליציק דורכ א בויגנ. —
אונטער א וואָלקנ איז דער סוינע ערגעץ נאָ׳נט,
ער האָט זיכ דורכגעשפּארט אונ — דורכגעפלויגנ...

דער רויש פונ זײַנ מאָטאָר אינ אומפארמײַדלעכקײַט דערמאָנט —
ער וועט ערגעץ א שלײַדער טאָנ זײַנע פארניכטנדיקע רויגנ...
אונ אונטער אימ, אינ א ברעזענטענעמ קאָמבינעזאָנ,
שטייט אפנ דאכ א קאָמיוגיסטקע — לײַכט אונ בויגיק.

זי שפּירט אימ נאָכ מיט קאָפּ פאריסענעמ אינ דר׳הויכ,
זי גייט אימ נאָכ מיט שארפע, אָנגעשטרענגטע אויגנ,
מיט פרישנ טוי זײַנענ די האָר אירע באהויכט,
אונ ס׳איז איר האלדז ווי בא א בושל אויסגעצויגנ.

ער דרייט זיכ אומ, דער שפּארבער, מיט געהויל,
ער וויל מיט סרייפעס באדערנאכט זיכ דאָ פארווײַלנ.
אויב ס׳וועט אראָפּ לעמ איר א צינדנדיקע קויל,
וועט זי פונ צוריר מיט איר האנט באהערשט זײַנ אינ א ווײַלע.

זי האָט נאָכ ניט קיינ פולע אכצנ יאָר,
נאָר אזא רו א פולע פלייצט פונ איר אריבער;
אינ אומאָרדנונג צעוואָרפנ איבער אקסל אירע האָר,
אונ עפּעס פרעגנ בא דער נאכט אינ אומרו אירע ליפּנ...

אינ הויכנ גייט א לופטיקער געשלעג.
דער הימל פלאצט פונ פײַלנ אונ פונ קוילנ.

עס שטייט פון אלע זײַטן צו צו איר די שרעק,
נאָר גאָרניט קאָן די שרעק בא איר ניט פועלן.

דאָס זאמד איז דאָ. דאָס וואסער אויך. און דאָ איז פראָנט.
זיי ווערן, ווי געווער אין שלאכט, אצינדער זײַן געטרײַ איר;
נאָר ס'איז איר הייס אינעם ברעזענטענעם קאָמבינעזאָן,
פון קאָפּ גיט זיך איר באנד א גליטש און א צעשטרײַ.

אפּ בלויען פלאט פון הימלדיקער הויך
האָבן פראָזשעקטאָרס, ווי מיט קרײַד, ארויסגעפירט א פאָרמול
און לייזן הילכיק זי — מיט פײַער און מיט רויך
און מיט באנאכטיק-פלאקערדיקע שטאָרמען.

די ווײַסע ציין צווישן פארברוינטן מויל
בליצן אין רעגונג אויף בא יעדן ריס פון די געווערן;
ווי אפּ באלויכטענעם קאטאָק גליטשט זיך פארשײַט און הויל
טראסירנדיקער בלײַ, געארעמט מיט די שטערן.

עס קוקן מויערן פארטײַעטע ארויף,
דאָס פײַערדיקע קסאוו זיי לייענען, די ריזן,
און רײַסן איבער גלײַך. דאָס מיידל האָט געטאָן א רוף:
ווי ס'פאלט דער שפארבער מיט דער האנט האָט זי באוויזן.

און ס'ווילט זיך אָנעמען די מיידלשע פארברוינטע האנט,
א צערטל טאָן זי שטיל אזוי, אָן ווערטער;
נאָר דעם אראָפּגעגליטשטן סאמעטענעם באנד
פון בלאָנדן קאָפּ זי מאכט זיך שוין צורעכט דאָרט.

אין הימל יאָגט א בליץ נאָך בליץ זיך נאָך,
מיט אופרײַסן פון דונער יאָגט ער ערגעץ אָן אים;
נאָר שטארקער איז דער פלאם פון אירע אכצן יאָר
ווי דער פארטויבנדיקער קנאל פון פלאמיקע קאנאָנען!